בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת תרומה תש"פ** **גליון 542 [שנה י"ב]**

**א איד וויל באמת נאר טאן גוטע זאכן**

וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ: (כה ב) פארוואס שטייט וְיִקְחוּ א לשון בע"כ און נישט וְיִתְּנוּ? אויך איז שווער פארוואס שטייט אֲשֶׁר "יִדְּבֶנּוּ" לִבּוֹ, א לשון עתיד, ער וועט געבן מיט א באוויליגטן הארץ, און עס שטייט נישט א לשון פון יעצט: "נְדָבוֹ" לִבּוֹ? נאר עס שטייט וְעַתָּה אִם שָׁמוֹעַ תִּשְׁמְעוּ זאגט רש"י **אם עתה תקבלו עליכם יערב לכם מכאן ואילך שכל התחלות קשות.** און דער רמב"ם (הל' גירושין פ"ב ה"כ) שרייבט **כופין אותו עד שיאמר רוצה אני, וז"ל ורוצה הוא לעשות כל המצות ולהתרחק מן העבירות ויצרו הוא שתקפו "וכיון שהוכה עד שתשש יצרו" ואמר רוצה אני כבר גרש לרצונו עכ"ל.** ווייל באמת וויל א איד טאן גוטס און צווינגען שוואכט אפ דער כח היצה"ר און ער איז שוין מסכים פון זיין ווילן. און לויט דעם רמב"ם פארענטפערט דער הייליגער ישמח משה די קשיא וואס די גוים וועלן פרעגן: כְּלוֹם כָּפִיתָ עָלֵינוּ הָהָר? ווייל די אידן האט מען געצוואונגען מקבל זיין די תורה און נישט זיי? נאר לויט דעם רמב"ם איז צווינגען שייך נאר ביי א איד, וואס זיין פנימיות וויל באמת טאן גוט, נאר מען דארף אפשוואכן דער יצה"ר, אבער ביי א גוי איז דאס נישט שייך, ממילא איז גוט דער פסוק אִם שָׁמוֹעַ, אפי' עס וועט זיין בע"כ, תִּשְׁמְעוּ, ענדע וועט זיין זיס, און וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה מִכָּל הָעַמִּים, און דאס איז שייך נאר ביי א איד, און נישט ביי א גוי, דאס מיינט אונזער פסוק וְיִקְחוּ "אפילו בע"כ" לִי תְּרוּמָה אבער דאס איז נאר מֵאֵת כָּל אִישׁ, א איד, וואס לבסוף אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ, די ענדע וועט ער ווילן. (יגל יעקב הר' חיים גאטליב אב"ד מישקאלץ)

**שמן און בשמים האט מען געמאכט א תנאי**

וְזֹאת הַתְּרוּמָה אֲשֶׁר תִּקְחוּ מֵאִתָּם זָהָב וָכֶסֶף וּנְחֹשֶׁת: ... שֶׁמֶן לַמָּאֹר בְּשָׂמִים לְשֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה וְלִקְטֹרֶת הַסַּמִּים: (כה ג–ו) דער רבש"ע האט געהייסן ברענגען זאכן פארן מקדש, דארף מען פארשטיין אז די ערשטע צען זאכן זהב וכסף וכו' שטייט נישט פאר וועלכן ציל מען האט דאס געברענגט, איז משמע אז מען האט געקענט טאן מיט זיי פארוואס מען האט געוואלט און ביי שמן און בשמים שטייט אז שמן איז למאור און שמן המשחה און בשמים איז פאר שמן המשחה און קטורת הסמים, פארוואס דארף מען דאס זאגן? נאר עס שטייט אין (יו"ד סי' רנו סעיף ד) אֵין מְשַׁנִּין מִצְּדָקָה לִצְדָקָה וּמִקְּדוּשָּׁה לִקְדוּשָּׁה, מען טאר נישט נעמען פון איין צדקה אדער קדושה און נוצן פאר א אנדערע צדקה אדער קדושה, ווייל מען דארף דאס נוצן פאר דעם צוועק און נישט פאר עפעס אנדערש, יעצט די ערשטע זאכן זָהָב וָכֶסֶף וכו' אויב עס האט איבערגעבליבן פון זיי האט מען געקענט נוצן צו מאכן נאך כלים אויב עס וועט זיך אמאל צוברעכן, אז עס זאל גלייך זיין א אנדערע כלי, און דאס זאגט רש"י וְכֵן תַּעֲשׂוּ: **לדורות אם יאבד אחד מן הכלים או כשתעשו לי כלי בית עולמים כגון שולחנות ומנורות ולדורות**, דאס מיינט אז עס זאל שטענדיג זיין כלים גרייט, אויב עס צוברעכט זיך אדער עס ווערט צוריסן, אבער ביי שמן וואס מען האט דאס געברענגט אויף למאור, און אויב עס וועט איבערבלייבן וועט מען דאס נישט קענען נוצן פאר שמן המשחה, און אויך די בשמים דארף מען פאר די שמן המשחה און די קטורת הסמים, דעריבער האט מען אויסגענומען אז די שמן זאל זיין סיי למאור און סיי לשמן המשחה, און דאס זעלבע די בשמים האט מען אויסגענומען אז מען זאל עס קענען נוצן סיי פאר שמן המשחה און סיי קטורת הסמים, אלעס כדי אזוי זאל מען קענען נוצן דאס וואס בלייבט איבער. דאס מיינט דער פסוק: ביים ברענגען שֶׁמֶן לַמָּאֹר האט מען אויסגענומען אז וואס עס בלייבט איבער איז אויך לְשֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה, און די בְּשָׂמִים האט מען אויסגענומען אז עס וועט קענען זיין סיי לְשֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה און אויך לִקְטֹרֶת הַסַּמִּים. (קרן לדוד הרה"צ ר' אליעזר דוד גרינוואלד מסאטמאר)

**פון וואו האט מען באקומע די תַּחַשׁ?**

וְעֹרֹת תְּחָשִׁים: (כה ה) זאגט רש"י תְּחָשִׁים איז א מין חיה **ולא היתה אלא לְשָׁעָה** והרבה גוונים היו לה. וואס איז די ענין פון "לשעה", און עס האט געהאט אסאך קאלירן? אויך איז שווער אז עס שטייט (ויקהל לה כג) וְכָל־אִישׁ אֲשֶׁר נִמְצָא אִתּוֹ תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי וגו' וְעֹרֹת תְּחָשִׁים הֵבִיאוּ: דער לשון אֲשֶׁר נִמְצָא "אִתּוֹ" מיינט אז דאס האט באלאנגט צו דער מענטש וואס האט דאס געברענגט, אבער די תְּחָשִׁים זענען דאך געווען הפקר אין מדבר, איז וואס איז שייך אֲשֶׁר נִמְצָא "אִתּוֹ". זיינס, הֵבִיאוּ, ווען אלע האבן דאס געקענט ברענגען? נאר עס שטייט אין אבות (פ"ד מ"א) **איזהו עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ**, זאגט רש"י: ער איז צופרידן אין דער חלק, און אין אלע מצבים וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן, און אין א ספר קדמון שטייט "חלקו" איז די ר"ת חם לח קר ויבש, אין אלע אומשטענדן איז ער צופרידן, און אזא איינער איז נישט דוחק די שעה, ער האט נישט קיין שום תערומות אויף זיין מצב, און אלעס איז גוט, דאס איז מרומז אין די תַּחַשׁ וואס איז נאר געווען "לְשָׁעָה", אז מען טאר נישט האבן תערומות, און די תַּחַשׁ האט אויך אסאך קאלירן, מען דארף זיין צופרידן אין אלע מצבים, יעצט ווייל דער תַּחַשׁ איז מרומז אויף דעם שָׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ, דעריבער האט דער אויבערשטער מזמין געווען דעם תַּחַשׁ זאל קומען גלייך נאר צום ארימאן אליין, און צו די אידן וואס זענען געווען שמח בחלקו, ממילא האבן די אידן געברענגט די אלע אנדערע זאכן, און די עניים וואס זענען געווען שָׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ, האבן געברענגט די תַּחַשׁ, וואס איז געקומען צו זיי אליין, און דאס הייסט "אִתּוֹ". (דברי ישראל מאדזיץ)

## פנינים למגילת אסתר

לֹא הִגִּידָה אֶסְתֵּר אֶת עַמָּהּ וְאֶת מוֹלַדְתָּהּ כִּי מָרְדֳּכַי צִוָּה עָלֶיהָ אֲשֶׁר לֹא־תַגִּיד: (ב י) דער פשוט פשט איז אז האט אסתר נישט דערציילט איר פאלק ווייל מרדכי האט אזוי באפוילן. אבער בדרך דרש קען מען זאגן אז באמת האט אסתר געזוכט וועגן צו אנטלויפן פון אחשורוש ווייל מען האט איר גענומען בע"כ, ממילא אויב זי וועט זאגן וועלכע פאלק זי איז, וועט אחשורוש וויסן וואו איר צו זוכן, און אזוי וועט ער נישט וויסן וואו צו גיין, אויב זי וועט מצליח זיין צו אנטלויפן.

וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ וַיֹּאמֶר לְאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה מִי הוּא זֶה וְאֵי זֶה הוּא אֲשֶׁר־מְלָאוֹ לִבּוֹ לַעֲשׂוֹת כֵּן: (ז ה) א פלא אז אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ האט פארגעסן אז ער האט געזאגט צו הָמָן: הַכֶּסֶף נָתוּן לָךְ וְהָעָם לַעֲשׂוֹת בּוֹ כַּטּוֹב בְּעֵינֶיךָ (ג יא)? נאר מען קען זאגן אז עס שטייט אֵין אֶסְתֵּר מַגֶּדֶת מוֹלַדְתָּהּ וְאֶת עַמָּהּ, באמת האט אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ נישט געוואוסט פון וועלכע פאלק איז אסתר געווען, אבער זיכער נישט א איד, דעריבער ווען אסתר האט

געזאגט כִּי נִמְכַּרְנוּ אֲנִי וְעַמִּי לְהַשְׁמִיד לַהֲרוֹג וּלְאַבֵּד, האט אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ געפרעגט: מִי הוּא זֶה וְאֵי זֶה הוּא? ווייל ער האט נאר מסכים געווען אויף די אידן, אבער נישט אויף קיין אנדערע פאלק! און נאכדעם שטייט וּמָרְדֳּכַי בָּא לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ כִּי־הִגִּידָה אֶסְתֵּר מַה הוּא־לָהּ: האט ער יעצט געוואוסט אז אסתר איז א איד. (צוויי פשטים פון ספר מחשבות משה, הר"ר משה באכנער נכד הגה"ק ר' שלמה זצ"ל אב"ד דק"ק קרשאנוב– קראקא תרפ"ה)

## מדור העובדות

### ****** הרה"ק ר' בעריש מאושפצין היילט אויס א איד דורך זאגן פשט אין א ט"ז ******

זיין נוסח המצבה: הרה"ק ר' דוב בעריש במ"ו משה זצ"ל נפטר בש"ט ביום ב' כ' כסלו תקצ"ח לפ"ק איז געווען א תלמיד פון הרה"ק שלמה באכנער אב"ד קרשאנוב. ר' בעריש איז אויך געווען א גאון בתורה און איז אויך געווען נאנט מיט הגאון ר' עקיבא איגר. אויך געווען א פועל ישועות בקרב הארץ. נאך פאר ר' בעריש איז אנגעקומען קיין אושפצין איז דארטן געהאט געקומען א גאר גרויסער דאקטער, און געעפנט זיין היילונגס פלאץ דארטן, און האט זייער מצליח געווען מיט היילן מענטשן, דער דאקטער האט ליב געהאט לערנען און געזאגט אז ער האט געלערנט 8 יאר ביי דעם היליגן ברוך טעם אין לייפניק, אבער ער איז געווען א אפיקורס רח"ל. אבער ווייל ער האט געהיילט אסאך אידן אין שטאט פלעגן אסאך מענטשן פון שטאט אים רופן צו א חתונה אדער א ברית און זייענדיג א גוטע רעדנער, פלעגט מען אים מכבד זיין און האט שיין גדרשנט.

ווען ר' בעריש איז געווארן אב"ד אין אושפצין, און האט זיך באקאנט מיטן דאקטער האט ער אים זייער מכבד געווען אין מילי דעלמא, אבער קיינמאל נישט מפלפל געווען מיטן דאקטער אין לערנען, און אויב ר' בעריש איז געווען אויף א שמחה און דער דאקטער האט מען געוואלט מכבד געווען צו רעדן, האט ר' בעריש זיך געזוכט א וועג ארויסגיין און נישט הערן די דרשה. ר' בעריש פלעגט געבן מוסר פארן דאקטער, אויב ער איז א תלמיד חכם פארוואס טוט ער נישט תשובה, און דער דאקטער פלעגט אליין ברענגען קרומע ראיות אז ער איז גערעכט!

ויהי היום און דער דאקטער איז געווארן קראנק און ווייל ער איז געווען א גרויסער קענער אין מעדעצין האט ער פאר זיך באשריבן די אלע פאסיגע מעדעצינען וואס וואלט אים געדארפט אויסהיילן, אבער עס האט גארנישט געווירקט, דער דאקטער האט געוואוסט אז אין א שטאט "קענט" איז דא א אלטע דאקטער וואס איז געווען א גרויסע מומחה אין מעדעצין און ווייל דער דאקטער האט געהאט געגוג געלט, האט ער געשיקט א שליח מיט א גוטן וואגן ער זאל גיין ברענגען דעם דאקטער און אים באטראכטן, און ער וועט אים שיין באצאלן פאר דעם.

דער דאקטער איז אנגעקומען און אים באטראכט און האט אים פאשריבן פארשידינע מעדעצינען פאר זיין קרענק אבער ווען אונזער דאקטער האט געליינט דעם רעצעפטן, האט ער געזאגט אז דער דאקטער האט זייער גוט צוגעטראפן, און באמת וואלטן די רפואות געדארפט טאקע העלפן, אבער ער האט שוין אלעם גענומען און האט נישט געהאלפן. דער דאקטער האט באצאלט פארן אלטן דאקטער און אים אהיים געשיקט מיט א וואגן. און דער דאקטער האט שוין פארשטאנען אז זיינע טעג זענען געציילטע.

דאס איז געווען אין א שבת צופרי און דער דאקטער שפירט אז דער יום המיתה שטייט אים אנקעגן, האט ער געשיקט רופן צוויי בעלי בתים חשובים פון שטאט און געזאגט איך וויל מודה זיין אז איך שעץ זייער שטארק דעם רב פון אושפצין, ר' בעריש, און איך האט געהערט אז ער פראוועט גרויסע ישועות, אבער ווייל איך בין א אפיקורס, האט איך נישט געגלויבט אין די אלע מעשיות וואס מען דערציילט פון אים, אבער יעצט, בין איך נאנט צו שטארבן און איך האב שוין אביסל אמונה, הויב איך אן צו גלויבן אז דער צדיק קען מיר העלפן, דעריבער בעט איך פון אייך, אז איר זאלט בעטן דער רבין אז ער זאל מיר העלפן מיט א רפואה און זאגט אים, אז איך שוין אנגעפאנגען צו תשובה טאן און איך זאגצו: אויב איך וועל ווערן געזונט, וועל איך זען אז דער רבי קען משנה זיין די טבע, און איך וועל ווערן א בעל תשובה גמור!

די צוויי בעלי בתים זענען אנגעקומען צו ר' בעריש ווען ער האט געהאלטן אינמיטן סעודת שבת, און זיי האבן איבערגעגעבן פארן רבין די רייד און בקשה פון דעם דאקטער. דער רבי האט זיי אויסגעהערט, און געזאגט הכל תלוי במזל, אבער עס פאלט מיר איין יעצט א פשט אין א ט"ז און איך מיין מיט דעם וועל איך קענען זיין א מליץ יושר פאר אים און אים אויסהיילן!

דער ט"ז אנפאנג הל' שבת ברענגט די מאמר חז"ל כל המשמר שבת כהלכתו אפי' עובד ע"ז כדור אנוש מוחלין לו פרעגט דער ט"ז אויב עס רעדט זיך אן תשובה, ווי קען שבת אים מוחל זיין, און אויב ער האט תשובה געטאן, פארוואס דארף מען שבת? ענטפערט דער ט"ז אז די גמ' רעדט זיך אז א מענטש וואס טוט תשובה אין שבת איז דער אויבערשטער אים מוחל ע"כ, האט אויסגעפירט דער רבי: אז עס שטייט אין גמ' דער וואס איז פורש פון מינות וועט שטארבן, אבער דאס איז נאר אויב ער איז פורש אינמיטן די וואך, אבער אויב ער איז פורש און טוט תשובה אין שבת, וועט ער בלייבן לעבן, ממילא מה-דאך דער וואס איז עוע"ז און טוט תשובה אין שבת, איז מוחלין עוונותיו, איז כ"ש דער וואס איז געווען א מין און האט תשובה געטאן אין שבת איז אוודאי מוחלין לו. ממילא גיי זאג דעם דאקטער דעם טייטש, און בעט אים ער זאל תשובה טאן בשלימות אין שבת, און איך בין זיכער אז ער וועט בלייבן לעבן!

די בעלי בתים האבן איבערגעזאגט די ווערטער פון צדיק און דער דאקטער האט געזאגט ער איז מקבל אויף זיך עול מלכות שמים, און דער אויבערשטער האט געהאלפן אז דינסטיג איז ער געווארן אינגאנצען געזונט! דער דאקטער האט געשיקט פרעגן צו ער קען גיין צום רבין אים דאנקען? האט דער רבי צוריקגעענטפערט אז וועגן עין הרע זאל ערווארטן א וואך ביז ער וועט ארויסגיין אין גאס. נאך א וואך איז דער דאקטער געקומען מיט זיין פרוי און האבן געגומען א דרך אין תשובה און דער רבי האט געוויזן דעם דאקטער א וועג אין תשובה און דער רבי האט געשאפט א פרוי צו לערנען מיט די פרוי פון דער דאקטער וועגן אידישקייט. זיע"א


הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה

תהלים זיטאמיר תרכ"ו, סעט משניות סלאוויטא, סעט מחזורים זיטאמיר אשכנז, מגילות אסתר חדשים מהודר מאוד $1700 מכתב הרה"ק מהוסיאטין, תיקון ליל שבועות דפוס סלאוויטא, מדרש רבה דפוס זיטאמיר, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, סידור דרך החיים זיטאמיר מצב יפה, תיקוני זוהר דפוס סלאוויטא, בריוו פון דעת סופר און זון וועגן בויען זיין ישיבה אין ירושלים, א שיינע בריוו פון הגאון מטשעבין וועגן זיין חשובע ישיבה, סעט זוהר בינוני דפוס זיטאמיר, שו"ע אורח חיים ג"ח דפוס זיטאמיר מצב מפואר, ספר וואס האט באלאנגט צו הר' אברהם פאם, ספר מיט חתימת הגאון ר' יעקב קמינצקי פרעגט אין טלפון אדער אימייל די אלע פרייזן און אויך וועגן אנדערע ספרים און בריוון, 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to - pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*

**א רשימה פון אונזער ספרים און בריוו צו באקומען** מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פאר פדיון נפש

דער גליון איז מוקדש לעי"נ מיין פלימעניק הבחור החשוב יוחנן ע"ה בן יחזקאל בנימין רובי נ"י – – י' סיון תשע"ט טוב שם טוב משמן טוב!